# שבת אין פעלד / הרה"ח ר' יו"ט ערליך ז"ל

הערט אויס ליבע אידן / וואס איך וועל אייך דערציילן / און איר וועט זיין צופרידן / זייער שטארק פון דעם
די מעשה האט געטראפן / איך וועל אייך זאגן אופן / מען זאגט אז ביים אריז"ל / מען זאגט אז ביים בעל שם
זכרונם לברכה / מיר וויסן להלכה / אז אט די מלאכה / האבן זיי בידע גוט געקענט
די שטיינער מאכן זינגען / די וואסער מאכן דרינגען / די ביימער מאכן שפרינגען / און פאטשן מיט די הענט

פריילעך אידן / מיר דארפן זיין צו פרידן / מיט אונזער בורא / מיט זיין תורה / גליקלעך זיין אסאך
און מיר גלויבן / אז דער פון הויבן / האט געגעבן כח אויך, פאר די צדיקים'לעך

דער צדיק איז אמאהל / אריבער בארג און טאל / מיט חסידים מיט תלמידים / א באשטימטער צאהל
עס קומט שבת אויף די וועלט / און אינמיטן פעלד / מקבל זיין דעם ליבן שבת, האבן זיי זיך געשטעלט

בואי כלה / דער שבת איז פאר אלע / נישטא קיין שוהל / נישטא קיין עמוד / קיין זייך איז נישטא
קום קום כלה / עס ווארטן, אויף דיר אלע / די שעפסעלאך, בהמה'לעך / פני שבת נקבלה

דער צדיק זינגט א ניגון / עס איז א פארגעניגן / עס קומען צו די ציגן / זיי האבן נישט קיין רוה
די קעלבעלעך די קליינע / די שעפסעלאך די שיינע / איינע גלייך נאך איינע / רוקן זיי זיך צו
געקומען זענען אלע / מען הערט עפעס א כלה / מען זהעט דעם צדיק טאנצן / מען הערט אויס זיין געזאנג
עפעס נעמט זיך צויען / עפעס נעמט זיך ברומען / עפעס נעמט זיך גלויען / אין קעפל א געדאנק

בואי כלה / דער שבת איז פאר אלע / די שעפסעלאך די ציגעלעך / מען קומט פון אומעטום
און זיי בליקן / און זיי קוקן / און פון גרויס פארגעניגן / רינגלט מען עם ארום

עפעס האט געשפירט / דער ווארעמל וואס קריכט / די פייגעלעך / די אייזעלעך / די הערצעלעך גערירט
א טומל א געלויף / די קעפעלעך אויף ארויף / און צוביסלעך / אוף די פיסלעך / הייבן זיי זיך אויף

טאנצט טאנצט ציגן / א פארגעניגן / אויף די פיס די אונטערשטע / ווי שיין עס, איז צו זעהן

שאף און רינדער / ווי די קליינע קינדער / אלע זינגען / אלע שפרינגען / יעדער ווי ער קען

קוקט נאר אין דער הויך / די שטערן קומען אויך / און זיי גלאנצן / און זיי טאנצן / אויף א וויסן רויך
זעהט נאר ווער עס פליהט / די פליגלעך אויס געצירט / מלאכים קומען צו דעם צדיק / און זיי טאנצן מיט

קום קום כלה / דער שבת איז פאר אלע / ווער עס גלויבט אין דעם שבת / איז דאס שבת פאר עם גוט
קום קום כלה / עס ווארטן אויף דיר אלע / בואי כלה בואי כלה / פני שבת נקבלה